NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13065

DOS LERNYINGL

Yonah Rozenfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביבליאָטעק „שול-פעצטער"
רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי

יונה ראָזענפֿעלד

דאָס לערנייִגל

אינסצעניִרט פֿון י. רײַזמאַן

MICROFORM
13/4438

פֿאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע 1938

ביבליאָטעק „שול-טעאַטער"
רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי

יונה ראָזנפֿעלד

דאָס לערנײִנגל

אינסצענירט פֿון י. ר ײַ ז מ אַ ן

פֿאַרלאַג „נײַע ייִדישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

Printed in Poland

I. Rozenfeld

„Dos lernjingl"

Druk. Ekspres Wilno.

פּערזאָנען:

מאיר — דער סטאָליער.
יאָסל — דאָס לערניינגל.
יאַנקעלע—דעם באַלעבאָס יינגעלע.
באַלעבאָסטע.
אַרבעטער.

ערשטע סצענע.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ סטאָליער־וואַרשטאַט. אַן אַרבעטער אַרבעט, און יאָסל, דאָס לערניינגל, קלייעט צו אַ פּיסל צו אַן אַלטער טאַבורעטקע).

מאיר: (קומט אַרײַן, קוקט אָן יאָסלס אַרבעט).
הינטישער קאָפּ! קעצענער מוח! ניט אַזוי!

יאָסל: (בלײַבט שטיין מיטן פּענדזל אין דער האַנט, געווענדעט צום באַלעבאָס).

מאיר: ווייסטער קאַליקע! דו שמירסט דאָך אויס די גאַנצע טאַבורעטקע מיט קלײַ! נעם ניט אַזוי פיל! עס וועט דאָך זײַן לויז! נעם אַ שמאַטקעלע!

יאָסל: (וואַרפט אַרײַן דעם פּענדזל אין טאָפּ קליי, געפינט אַ שטיקל שמאַטע און וויקלט אַרום דעם צאַפּן פון פּיסל).

מאיר: (שרײַט) עס איז דאָך צופיל שמאַטע!

יאָסל: (קרעכצט, רײַסט אָפּ אַ שטיקל שמאַטע, שמירט אָן מיט קליי, לאָזט אַרײַן דעם צאַפּן, שטעלט זיך אויף און קלאַפּט צו מיטן האַמער).

מאיר: וויש אָפּ גיכער! (ווײַזט מיטן פינגער אויפן קליי, וואָס שפּריצט אַרויס).

יאָסל: (זעצט זיך אויף די קני און ווישט אָפּ דעם קליי מיטן רעקל).

מאיר: אַזוי, מאַלאָדיעץ! (גיט אים אַ פרײַנטלעכן קלאַפּ אין פּלייצע).

יאָסל: (צו זיך פאַרקלערט) פאַרוואָס קען איך דעם באַלעבאָס ניט צופרידנשטעלן? פאַרוואָס דאַרף דער באַלעבאָס זיך אָפּעסן פון מיר ס'האַרץ?.. איך האָב טאַקע אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, איך פאַרשטיי גאָרניט... איך וועל זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען די מלאָכה... איך׳ל בלײַבן אַ קאַליקע, אַ ווייסטער קאַליקע...

מאיר: יאָסל, נו, וואָס שטייסטו, וואָס?

יאָסל: (טוט זיך אַ וואַרף צום וואַרשטאַט און כאַפּט הובלען אַ ברעטל, קוקט צום אַרבעטער) סאַר אַ לאַנגע סטרוזשקעס עס פליען בײַ אים פון הובל. מײַן הובל וויל גאָרניט נעמען! (ער טאַפּט די שאַרף פון הובל, פאַרקלערט) טעמפּ?... שאַרף, דאַכט זיך שאַרף... (פירט מיטן פינגער איבערן שאַרף פון הובל) ניין, טעמפּ! איך׳ל צוגיין צום שטיין און אָנשאַרפן. וואָס, איך׳ל ניט קענען אָנשאַרפן? אַ מציאה... מיט איין האַנט האַלט מען די שאַרף אויפן שטיין און מיט דער צווייטער דרייט מען די קאַלבע.

מאיר: וואָס האָסטו זיך דאָרטן פאַרטראַכט?

יאָסל: (דערשרעקט זיך, הייבט אָן צו הובלען גיך).

ארבעטער: רב מאיר, עס איז ניטאָ קיין פּימס, איך וויל מיר שטעלן פּאָליטורן.

מאיר: ניטאָ קיין פּימס? נו, דאַרף מען גיין קויפן. יאָסל, גיב אַ שפּרונג און ברענג אַרײַן פּימס.

(נעמט אַרויס אַ בײַטעלע, גיט יאָסלען געלט)

יאָסל: (אָפּ. קומט אין אַ ווײַלע אַרום מיט אַ שטיקל פּימס אין האַנט).

מאיר: (קוקט פאַרוווּנדערט אויף יאָסלען) וואָס האָסטו פאַרגעסן? (דערזעט בײַ אים אין האַנט דעם פּימס, שמייכלט צופרידן) טפו זאָלסטו ווערן! ס'איז אַ שד, ניט קיין יינגל!

יאָסל: (צופרידן, צו זיך) אַ שד, ניט קיין יינגל...

(פאָרהאַנג).

צווייטע סצענע:

(דער זעלבער וואַרשטאַט. פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט. יאָסל שפּילט זיך מיטן באַלעבאָס' יינגעלע יאַנקעלע: ער האָוועקעט, מיאַוקעט, מעקעט, מרוקעט און קוואַקעט. ער שפּרינגט אויף אַלע פיר, באַהאַלט זיך און לאָזט אַרויס משונהדיקע קולות. דאָס יינגעלע זוכט און פרייט זיך, ווען ער געפינט אים. יאָסל זעצט יאַנקעלען בו זיך אויפן שויס).

יאָסל: (צום יינגעלע) זאָג, ווי הייסט דער טאַטע דײַנער? זאָג, מאיר!

יאַנקעלע: מעיע.

יאָסל: און ווי הייסט די מאַמע?

יאַנקעלע: (קינדיש) די מאַמע, די מאַמע... (ווײַל אַראָפּ פון יאָסלס קני).

יאָסל: (האַלט אים צו) זאָג, רחל!

יאַנקעלע: ראָכע.

יאָסל: דער טאַטע מאיר! די מאַמע רחל! דער טאַטע מאיר!

יאַנקעלע: שפּרינגט אַראָפּ פון יאָסלס קני, וויל אַרײַנגיין אין שכוב).

יאָסל: (שרעקט זיך) יאַנקעלע, יאַנקעלע! ווילסט, וועל איך דיר מאַכן אַ פערדעלע!

יאַנקעלע: אַ פערדעלע?

יאָסל: יאָ, אַ פערדעלע! איכל מאַכן אַ שיין פערדעלע!

יאַנקעלע: (טרויעריק. קוקט צו דער טיר, וואָס פירט אין־שטוב אַרײַן) נו, מאַך שוין!

יאָסל: (הייבט אָן זוכן אַ ברעטל, איכל מאַכן אַ שיין פערדעלע, אַ פײַנס, ס'וועט האָבן אַ וויידעלע.

יאַנקעלע: און פיסעלעך?

יאָסל: (פריילעכער) פיסעלעך אויך וואָס דען? (כאַפּט אַ שטיקל ברעטל און הייבט אָן שניצן. יאַנקעלע קוקט אים אויף די הענט) אַ שיין פערדעלע וועט יאַנקעלע האָבן.

יאַנקעלע: מיר מאַכן אַ קיעלע אויך?..

יאָסל: וואָס דען? וואָס דען? יאַנקעלע אַ שיין יינגעלע, איך ליב יאַנקעלען! (פויזע) אָך, וועט יאַנקעלע האָבן אַ שיין פערדעלע...

יאַנקעלע: נו, גיב מיר שוין ס'פערדעלע.

יאָטל: אַ, דו, אַזוי גיך?

יאַנקעלע: (פאַרקרימט דאָס פּנים ווי צום וויינען, לאָזט זיך גיין צו דער שטוב־טיר).

יאָסל: יאַנקעלע, וווּהין גייסטו?
(יאַנקעלע ענטפערט ניט, פאַרשווינדט אין
דער שטובטיר).

יאָסל: איך האָב דיך שוין פײַנט!
אַ פּײַג באַקומסטו בײַ מיר, ניט קיין
פערדעלע, אויס! (וואַרפט אַוועק די אַרבעט).
(פאָרהאַנג).

דריטע סצענע.

(דער זעלביקער וואַרשטאַט, שבת-צו-נאַכט.
ס'איז פינצטער. יאָסל קומט אַרײַן מיט
לאַנגזאַמע טריט, רעדט צו זיך).

יאָסל: ווען איך האָב ערגעץ וווּ-
הין צו גיין, וואָלט איך פון דאַנען
אַוועקגעגאַנגען... נאָר וווּהין וועל איך
גיין? אַז איך בין אַן עלנטער, האָב
קיינעם ניט...
(ער בלײַבט שטיין, קוקט אַרויס דורכן
פענצטער. אין דרויסן פײַפט דער ווינט)

יאָסל: אוי. סאַר אַ ווינט!
מאיר: (פון שטוב) יאָסל, פאַרמאַך
די לאָדנס!
יאָסל: (גייט אַרויס, פאַרמאַכט די
לאָדנס און קומט באַלד צוריק. שפּאַנט
טרויעריק אַרום איבערן וואַרשטאַט, רעדט
צו זיך). אָך. ווי גליקלעך כ'בין, ווען
דער באַלעבאָס איז גוט צו מיר...
אַמאָלט האָט ער געזאָגט צו מיר
„מאָלאָדיעץ"...ווי גוט עס ווערט אויפן
האַרצן, ווען מע איז צו מיר גוט!..
איכל אויפשטיין גאַנץ פרי, פריִער
נאָך ווי דער באַלעבאָס, און איכל זיך
נעמען צו דער אַרבעט...
(מאַכט זיך רעכט זײַן געלעגער אויפן וואַר-
שטאַט און לייגט זיך שלאָפן).

מאיר: (קומט אַרײַן פון שטוב, קוקט
זי[illegible]רום, אויב אומעטום איז פאַרמאַכט, טוט

אַ קוק אויף יאָסלען, וואָס כראָפּעט, און גייט
אַרויס. אין אַ ווײַלע אַרום פאַרלעשט מען
די ליכט אין שטוב און ס'ווערט שטיל).
(אַ לענגערע פּויזע).

יאָסל: זעצט זיך אויף, רײַבט די
אויגן, קוקט אין פענצטער) נאָך פינצטער.
(קריכט אַראָפּ פון געלעגער און גייט זוכן
ס'לעמפּל. ער גייט און טאַפּט די ווענט).
וואָס איז דאָס? אָ, די שאַפע. עפּעס
שטעכט... וואָס קען עס זײַן? אַ, די זעג
און דאָס!.. (עס פאַלט עפּעס אַראָפּ און
עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ).

מאיר: (פון שטוב, מיט אַ פאַרשלאָפן קול)
ווער איז דאָרט? וואָס טוט זיך דאָרט?
יאָסל: (בלײַבט אַ ווײַלע שטיין).
איך... איך בין עס...
מאיר: וואָס פאַר אַ איך... איך...
הינטישער קאָפּ, וואָס דרייסטו זיך
דאָרט אַרום?
יאָסל: איך האָב געוואָלט... איך
וויל...
מאיר: אין דער ערד גיי מיטן
קאָפּ! פאַר וואָס שלאָפסטו ניט?
יאָסל: (הערט זיך אײַן צו דער טיר
פון שטוב. וואַרט, מע זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן).
מאיר: וואָס פאַר אַ רוחות טראָגן
אים דאָרט אַרום?
באַלעבאָסטעס קול: (פון שטוב)
גיי נאָר טו אַ קוק, וואָס ער טוט דאָרט?
(עס עפנט זיך אַ האַלב טירל און עס באַ-
ווײַזט זיך דער באַלעבאָס אין נאַכטוועש).
מאיר: וואָס איז דאָרט?
יאָסל: (בלײַבט שטיין אײַנגעקאָרטשעט
און שווײַגט).
מאיר: יאָסל?
יאָסל: (שטאָמלט פאַר שרעק) איך...
מאיר: ווו ביסטו?.. ווו ביסטו
ערגעץ?..

יאָסל: (שטיל) אָט בין איך דאָ.

מאיר: וואָס טוסטו דאָרט?

יאָסל: איך בין אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

מאיר: וואָס?! צו דער אַרבעט ביסטו אויפגעשטאַנען? איצט צו דער אַרבעט? דריַ אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט?! דו גנב, דו, אַהער גיי!!

באַלעבאָסטע: (פון שטוב) וואָס, צו דער אַרבעט איז ער אויפגעשטאַנען?

מאיר: אַזאַ גנב! צו דער אַרבעט איז ער גאָר אויפגעשטאַנען! אַזאַ הינ־טישער קאָפּ! וואָס זאָגסטו, ווי ער וויל עס פאַרדרייען... אַהערצו גיי!

באַלעבאָסטע: (פון שטוב) דער הובל, וואָס פעלט, מוז אויך זיַן זיַן אַרבעט.

מאיר: צי ער איז אַ גנב? נו, נו! איך ווייס שוין פון לאַנג! אַזאַ... מין... נו, נו! גיי האַלט אַזעלכן אין שטוב. לאָז אַזעלכן איבער אין אַ וואַרשטאַט! ער קאָן דאָך אַרויסטראָגן אַלץ. וואָס ס'איז דאָ. מע דאַרף אַ סאַך? מע נעמט אַריַן אַ שטיקל געציַג אין קעשענע און מע טראָגט עס אַרויס... מ'דאַרף זיך אומקוקן. כ'ווייס, אפֿשר פעלט שוין עפּעס... ער שטייט נאָך, דער ממזר, ער וואַרט נאָך, איך זאָל צו אים צוגיין... וואָס שטייסטו דאָרט? אַהערצו גיי!

באַלעבאָסטע: (פון שטוב אַרויס). לאָז אים אָפּ, וועסט אים אינדערפרי אויך טרעפן!

מאיר: אַהערצו גיי!

באַלעבאָסטע: (פון שטוב) ער וועט דיר איבער נאַכט ניט אַנטלויפן.

מאיר: ניין, אַז ער איז אַן עקשן, בין איך נאָך אַ גרעסערער! שוין גיי אַהער!

(אַ ווײַלע איז שטיל. עס הערט זיך יאָסלס געוויין).

באַלעבאָסטע: (פון שטוב) מאיר, פאָלג מיך, גיי שלאָפן.

מאיר: (גיט אַ דראָע מיטן פויסט אין דער זיַיט, פונוואַנען עס הערט זיך יאָסלס געוויין, און גייט צוריק אין שטוב אַריַן).

יאָסל: (זעצט זיך אַוועק אויפן וואַר־שטאַט און וויינט).



לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חייטסאָן

1. „לעבעדיקע קלאַנגען“—אילוסטרירטער א״ב.
2. „לעבעדיקע קלאַנגען“-כרעסטאָמאַטיע 1-טער טייל
3. „לעבעדיקע קלאַנגען“-כרעסטאָמאַטיע 2-טער טייל
4. „לעבעדיקע קלאַנגען“-כרעסטאָמאַטיע 3-טער טייל
5. „לעבעדיקע קלאַנגען“-כרעסטאָמאַטיע 4-טער טייל
6. „לעבעדיקע קלאַנגען“-כרעסטאָמאַטיע 5-טער טייל
7. דאָס לעבעדיקע וואָרט (ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען)
   כרעסטאָמאַטיע פאַרן VI און V לערניאָר
8. דאָס „נײַע וואָרט“ – כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן. אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
9. באָוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי.
   (40 באַזונדערע העפטן).

די „לעבעדיקע קלאַנגען“, „דאָס לעבעדיקע וואָרט“ און „דאָס נײַע וואָרט“ זיינען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זיינען אָנגענומען אין די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

נײַע רעכנביכער!

שוין דערשינען

צוויי נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן צווייטן לערניאָר — צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך – ברוכצאָלן.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.

Konto P. K. O. 81.899.